# ישראל ראַבאַן

# גראָער פרילינג

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטור־פאָנד
ביים זשורנאַליסטן־ און ליטעראַטן־פאַריין, אין וואַרשע, 1933

5 אַ לוויה
7 [איך זע דײַן געזונט וואַקסן]
8 דינאַ ווענוס
10 אַ ליד פֿון אַ ליגנער
12 דרײַ סוחרים
14 די מויז
17 אַ הספּד אויף אַ קבֿר פֿון אַ גלעקנער
21 ווײַטיק
22 רבלי – תאוונקס
24 שפּיגל
25 טינער
26 אַ גאָלדער טײַגן
27 טײַכן פֿון דער טונקל
28 משוגעים – הויז
30 אַ ליד פֿון אַ נאַר
32 גלעקעלעך
34 ראָסל
39 באַלוט
40 שבת אין דער שול
42 דער סוחר פֿון קלויז
44 מײַסטער ראַבאַט
47 אַ געזעגנונג

„GROER FRILING"
wiersze Izraela Rabona
Tłocznia: E. i M. Hamburskich
— Łódź, Piotrkowska 16 —
Dzierz.: Spółdz. wydawn. „Elte"

# אַ לויה

דרייצן הערן אין צילינדערס, האַרטע ווי בלעך.
אין לאַק־שיך, וואָס זענען שוואַרץ, ווי טינט.
און ווייבער האַנדשן און מיט פּאָמאַדע דער שרינט.
גייען נאָך אַ לויה,
אַ שטילע לויה.

אַ רעגן קלאַפּט אויף דרייצן צילינדערס האַרטע ווי בלעך
און שווענקט אָפּ דעם פּודער און ווישט די פּאָמאַד.
די דרייצן הערן ווערן אין כּעס
און גרין און בלאָס,
ווי קרייד.

פּריטש פּאַטש פּריטש גייט די לויה,
אָן טרער, אָן שאָרך אָן וואָרט.
אַ נאָס אַהער, אַ נאָס אַהין —
דאָס „גוטע אָרט“.

דער מת — אַ גראָבער הער,
אַ בויך, אַ גוידער: פֿעט, שמאַלץ.
פֿינף טויזנט־יידלעך קומען אָן,
טאַפּן אים דעם הינטן, נאָפּל, האַלדז.

פֿינף טויזנט־יידלעך, פֿלינק ווי מײַז,
אין כאַלאַטלעך טאַנצן־אַרום.
קנײַפּן, וואַרפֿן, דרייען, ציִען
דעם מת אַרום.

די דרייצן הערן אין צילינדערס שטײַפֿע ווי בלעך
בייגן ביז אַ העלפֿט זיך אײַן.
און יעדער נעמט אַראָפּ פֿון אויג אַ טרער
און וואַרפֿט זי אין דעם גרוב אַרײַן.

דער מת — דער ריז,
די וואָנסעס — פֿאַרשפּיצט,
די האָר — פֿאַרפּוצט,
דאָס פּנים — פֿריזירט,
ראַזירט —
ער ליגט און שמייכלט זיס:
— ד אַ נ ק ע ש ע ה ן!!



* *
*

איך זע בײַ שפּילע וואַסערן:
פֿאַרגליווערט שטיינערנע פֿרויען אין שוואַרצע געוואַנטן.
שיף פֿון מײַן איינזאַמקייט,
ווּ וועסטו לאַנדן?

דער ווינטער איז שוין דאָ. עס שנייט.
בײַ דרײַ בעטלער זענען בלוי
די קראַנקע פּנימער פֿון פֿראָסט.
אויך זייערע שמאַטעס הענגען שטרוי.

איך זע קינדער בײַ די אָוונט־שויבן,
די נעזלעך צוגעפֿרוירן.
וואָס זוכסטו, אָרימער מענטש?
ווייסט דען, וואָס דו האָסט פֿאַרלוירן?

איך זע לאַנגע, ווײַסע וועגן —
עס גייען אומעטיקע וועלף.
אַ, גאָט, וואָס האָב איך מורא,
עס זאָל היינט שלאָגן צוועלף?..

# קינא „װענוס"

אין שמאַטעס געקלײדט, אין פֿאַפּירענע קראַגנס, אין שנופּסן,
װאָס זענען רױט און בלאָ, װי קינדער־באַלאָנען,
צוזאַמענגעקװעטשט, װי די הינט בײַ דעם קײַלער,
זיצן זײ און גאַפֿן אױף גאַלעריע־באַלקאָנען.

אין דער הײם, אין דעם שטיבל, איז פֿינצטער און פּראָסטיק
און דאָ, װאָס מ'קאָן אַלץ זען פֿאַר די פּאָר גראָשן:
טאָם מיקס. װעלכער שפּרינגט װי אַ מאַלפּע אױף לײטערס,
און נאַקעטע פֿרױען אין צירונג און גאָלדענע בראָשן.

ס'זיצן װײַבער מיט צװילינגס פֿון קלעפּ בײַ די אױגן
און ס'גריזשען זײ קינדער די ברוסטן, װי טאָרבעס;
עס קײַכן און טומלען און לאַכן און רײטשען
קעבינס מיט הענט, װי די באָקס־הענטשקעס גראָבע.

און זונות מיט פֿאַפּירענע רױזן אין שיטערע האָר,
אױסגעפּליקט פֿון אַלפֿאָנסן; און טרעגערס מיט קױל אין די אױערן;
און פּערשױנען, װאָס זענען ערשט נעכטן געװעזן נאָך בלינדע
און געבעטלט נדבות בײַ שטאָטישע טױערן.



אַנ'אינװאַליד אָן אַ האַנט מיט אַ צער אױף דעם פּנים, װי קריסטוס,
צאָלט פּאַפּיראָסן פֿאַר דראַפּן דעם רוקן אַ טראָפּן.
אין שװאַרצער פּעלערין דער קוטשער פֿון טױטן־װאָגן
כראָפּעט געשמאַק מיט דער נאָז, װאָס איז סיפֿיליטיש צעפּױלט, װי אַ פּראָפּן.

ס'זיצן אַרבעטסלאָזע, װאָס האָבן שױן יאָרן קײן װױנונג,
זײ קוקן צום לײַװנט מיט בליקן מיט טעמפּע, אָן פֿרײד, אָן באַגערן.
זײ דרימלען מיט צעשױבערטע קעפּ און זײ בעטן,
דער פֿילם זאָל הײַנט קײנמאָל געענדיקט נישט װערן.

ס'איז פֿינצטער... צוזאַמענגעקנױלט, װי די הינט בײַ דעם קײַלער,
זיצט דאָס געזינדל פֿאַרגאַפֿט אין דעם קינאָ'שן טונקל.
עס גרימפּלט די מוזיק... עס הוסטן סוכאָטישע לונגען פֿאַרקילטע
און ס'הערט נישט קײן אײנער, װי ס'װײנט אַ קלײן קינד אין אַ װינקל.

# אַ ליד פֿון אַ ליגנער

מײַן זיידע האָט געלעבט אַ פֿינף טויזנט יאָר.
און גראָז איז געוואַקסן אים אויפֿן קאָפּ.
געשלאָפֿן איז ער אין אַ פֿעטערטאָפּ
און ווי פֿידלען האָבן געשפּילט זײַנע האָר.

מײַן זיידע האָט די לבנה אַ מאָל צען אויסגעפּאַטשט,
פֿאַרוואָס זי לײַכט אַזוי קנאַפּ אויף דער וועלט.
און אַז די זון זאָל זײַן אײַנגעטום זײַן —
האָט ער נאָך באַצאָלט אַ פֿאַרמעגנס מיט געלט.

מײַן זיידע האָט גערעדט אויף ייִדיש מיט הינט,
אַז געהוואָלן האָט דער, וואָס האָט געהערט.
אַז מײַן זיידע האָט אַ מעשה דערציילט,
זענען מענטשן פֿון לאַכן געפֿאַלן צו דר׳ערד.

מײַן זיידע האָט געגעסן אויף מיטיק אַ וואָלקן,
געפּרעגלט מיט מײַערן און סאַלאַט.
דערנאָך האָט ער פֿאַרקנעפּלט די הויזן
און געשריגן, אַז ער איז נאָך נישט זאַט.



אַז מײַן זיידע האָט געגעבן אַ פֿרוי אַ קוש,
האָט זי געגומען ברענען, ווי אַ קנויט.
און איידער מ׳האָט דערמינטערט די פֿרוי —
איז זי געפֿאַלן טויט.

# דרײַ סוחרים

דרײַ סוחרים מיט בערד און װאָנסעס מיט אײַז
און די הענט און די שטיװל װי שנײ זענען װײַס.

זײ גײען אױף װעגן און רעדן נישט קײן װאָרט
און װינטן פּײַפֿן זײ אַרײַן אין דער באָרד.

אַ װאָלף הױבט אױף דעם קאָפּ און גיט אַ ביל.
די סוחרים גײען און זענען װײַטער שטיל.

זײ גײען און גײען װאַלד־אױס און װאַלד־אײַן
ביז זײ קומען אין אַ שטיבל צו גײן.

זײ זעצן זיך בײַם טיש און רעדן נישט קײן װאָרט.
און קײנער פֿון די דרײַ נישט רירט זיך פֿון אָרט.

זײ נעמען אַרױס פֿון זעקלעך דרײַ ברױט
און זײ עסן נישט גאָר זיצן װי טױט.



זײ זיצן אַזױ יאָרן אין שנײ און קעלט.
אין אַ העק, װאָס איז װײַט פֿון דער װעלט.

און מײַז פֿון פֿעלדער קומען אָן צו גײן
און נעמען אַרום די דרײַ סוחרים זיך דרײ'ן.

און פֿײַפֿן אַרײַן אינעם װינט און עסן אױף ס'ברױט
און די דרײַ סוחרים זיצן װי טױט.

# די מויד

זעקס רויבערס מיט רויטע, צעשויבערטע קאָלטנס
זיצן פֿאַרנאַכט אין אַ וואַלד און פֿרעסן אַ שעפּס.
וואָס, אַז זיי קענען קוים שלעפּן די פֿיס
קריכן זיי אַראָפּ אין דער ערד אויף אַ טרעפּ.

אגנטן, נאָענט מיט אַ צען קלאַפֿטער, איז אַ הייל —
ליגט דער הערשט פֿון די רויבערס און קושט אַ ווײַב.
אַ האַק־מעסער הענגט איר בײַם נאָפּל
און צוויי זילבערנע שפּילעפּלעך אויף דעם לײַב.

דער הערשט איז באַזויפֿט און ער קושט די פֿיס
פֿון זײַן געליבטע, וואָס איז שרעקליך גראָב.
און אין אירע צוויי בריסטן, ווי צוויי שטיקער טייג,
גראָבט ער אײַן מיט געוויין זײַן מערדערישן קאָפּ.

דערזעען די זעקס רויבערס, ווי זייער קעניג, דער הער,
טאַנצט זיך נאַריש און וויינט בײַ אַ ווײַב, אַ פּערד,
נעמען זיי אַרויס זעקס מעסערס פֿון גאַרטל
און ליגן אים אַוועק אַ טויטן אויף דער ערד.



דערזעט די מויד, אַז דער הערשט איז איר טויט,
רײַבט זי אָן רימשען, ווי אַ ווילדע העקס.
און שאַרצט זיך אַרויף די אַרבל פֿון העמד
און וואַרפֿט זיך ווי אַ לייב, אויף די רויבערס די זעקס.

די רויבער זענען פֿויל נאָך דער סעודה און וואָלה,
זייערע פֿיס זענען קלעצער, די בײנער — בערג!
און די מויד איז אַליין און די מויד איז ווילד
און זי זעצט מיט די פֿויסטן און דישעט און ווערגט!

איז ווײַ צו די זעקס — עס איז שוין נאָך זיי!
זיי ליגן צעבײַלט בײַ איר פֿיס, ווי געפּעק.
און די מויד זי קריצט מיט די ציינער, און וואַרפֿט
די זעקס רויבערס אַרײַן אין זעקס זעק.

„זאָגט ווידוי, איר שווײַנען, עס שלאָגט שוין אײַער שעה.
איך קנאַל ענק נאָך הײַנט אין דעם וואַסער אַרײַן!
דאָס שמאַלץ פֿון אײַער קאַרק וועלן פֿרעסן די פֿיש
און אײַער בלוט עס וועט ווערן געזויפֿט ווי אַ ווײַן!“

„אוי, מויד, זאג מיר מויד, וואס טויג דיר מיין בלוט?
נא דיר פינף טויגנע מיט גאלד און נעם לאז מיך ארויס“. —
הערט מען דעם ערשטן פון זאק און דער צווייטער ער זיפצט:
„און איך, מויד, וועל דיר געבן א גילדערנע מויז“.

נײַן, כ׳הערט נישט די מויד די זעקס מעדערס געוויין,
זי טראקעט זיי אלע אין דעם וואסער אריין.

דאס וואסער עס גיט זיך א פליעסק און א מיש
און די זעקס רויבערס ווערן באפאלן פון פיש.



# א הספד אויף א קבר פון א שלעפער

ישעוואלי איז דיין נאז און ציגל־רויט, פון שנאפס פארברענט,
די בלישטשעטע גלי נאך, ווי א קנאפ פון א סאלדאטסקע מונדיר.
ווי שפיקער שמיציק לאם הענגען דיינע גראבע הענט,
און כאטש די ביסט שוין טויט — קריכן אלץ די לייז ארום אויף דיר!
דיין נשמה איז נישט אויסגעגאנגען אויף קיין ווייכן קישן,

און קיין שום בארמהארציקע שוועסטער האט דיך נישט אפגעוואשן,
און דיינע רויטע אויגן האט קיין אינדל הענטל נישט פארמאכט —
אין א ווינטערדיקער, ווילדער זאווערוכע־נאכט
ביסטו געשטארבן ערגעץ אין א פינצטער געסל, אויסגעבעט אויף מיסט פון פערד;
און ווען דיין גארגל האט געכארכלט אין גסיסה,

האסטו געטומלט, דאס הערסטו בראנפן גיסן
אין די גארגל אריין. און ווען די ביסט געלעגן טויט שוין אויף דער ערד,
האט דיר אפגעלעקט דעם שוים פון מויל א היימלאזער יאטקע־הונט
און האט פאר דיר א לעצט געבעט ארויסגעבילט אין ווינט!
טויטער לומפ!

וועסט איצט פֿליען איבער אָקעאַנען, איבער ימען.
עס וועלן פֿײַערדיקע שטערן זינגען ווי מיט האַרפֿן.
מלאכים ווײַסע וועלן דיך באַגלייטן
און בליצן וועלן ווײַזן דיר אַ וועג, בלישטשענדיק ווי מעסער־שאַרפֿן.
און קומען וועסטו צום אַלמעכטיקן צופֿליען.

ער וועט דיך דערזען בײַ זײַן זײַט אַנידערקניען.
זײַן האַנט פֿון פֿײַער וועט ער אויף דײַן קאָפּ דיר לייגן,
און ס'וועט פֿאַר דיר אַ מאַנטל פֿון אַ גילדערנער [illegible]ען,
און ס'וועלן דיר מלאכים צופֿיסנס פֿאַלן
און שופֿרות וועלן זיך צעשאַלן
און אַ וואונדערלעך געזאַנג וועסטו דערהערן
און אויף דײַן קאָפּ וועט לײַכטן אַ קרוין פֿון שטערן.

און ס'וועלן קומען אַן צדיקים מיט שניי־ווײַסע בערד,
וואָס זענען רויק און געלעגט אַרונטער די ערד.
און האָבן ס'לעבן בײַ דער ספֿרים־שאַנק פֿאַרבראַכט
און האָבן ס'מויל אין תּפֿילה־זאָגן נישט פֿאַרמאַכט.

און ס'וועלן קומען די צדיקים און זיך בוקן
און פֿרעגן זיך אויף דיר און דיך אָנקוקן —

וועט זיי ענטפֿערן נאָך דער פֿאָטער און גערעכטער,
וואָס יעדן וואָרעם אין זײַן געדעכעניש האָט ער
און יעדע עולה אויף דער ערד פֿאַרריכט ער:



זײַן מאַמע איז געווען אַ הפֿקר־מויד
און אים האָט מען געפֿינען הינטער אַ פּלויט.

דער טויט האָט אים געפּאַקט אויף נאַקעטער ערד.
געשטאָרבן איז ער אויף מיסט פֿון פֿערד.

זײַן לעצט געבעט האָט נישט געזאָגט קיין מענטשלעך קול.
און מיטערהײַט האָט אים געקושט אַ הונט אין מויל.

און ווערעם האָבן אים אײביק געגעסן ס'לײַב.
זײַן חײַב איז געווען פֿון מיזינקער ס'חײַב.

פֿאַר אים איז דער הימל געעפֿנט אַצינד.
פֿון אײַך אַלע איז ער מײַן זון און מײַן קינד.

פֿון אײַך אַלע זיצט ער בײַם הייליקן טראָן.
פֿון אײַך אַלע קומט אים דער אויבנאָן.

די זון וועט בלײַען אַ לעמפּל אים זײַן,
וואָס וועט אים נאָר ווײַזן אין הימל צו גיין.

יעדע כמאַרע וועט אים ווערן אַ פֿערד, וואָס עס רײַט.
און יעדער ווינט וועט אים ווערן אַ זילבערנער שליטן.

יעדעס מײַבֿל װעט איך װערן אַ דערקװיקנדער װײַן,
װאָס גיסט זיך פֿאַלן אין דעם גאָרגל אַרײַן.

יעדער פֿינק פֿון לבֿנה — אַ טײַערער בריליאַנט,
װאָס רײַכסטע פּרינצעסינס האָבן אַזױנס נישט אין לאַנד!

אַזױ זאָג איך, צדיקים, איך, ענקער גאָט!
אַזױ איז מײַן װילן, אַזױ מײַן געבאָט.

הײַ, מלאכים, צעשפּרײט מײַן באַפֿעל מיט יובל און שאַל.
און דעם, װעמען ס'געפֿעלט נישט — קאָן פּלאַצן די גאַל!



# װײַטיק

קענסטו דעם װײטיק פֿון פֿרױען, װאָס װעסט אַמאָל פֿליען
אויף דראָזשקעס מיט פֿלעשלעך װיטריאָל אין פֿינגער, װאָס בריען?

קענסטו דעם צער פֿון משוגעים, דעם װילדן און שטאַרקן,
װען מ'שטראָפֿט אויף זײ װאַסער אויף נאַקעטע קאַרקן?

קענסטו די שנאה צום לעבן פֿון מענטשן, װאָס שטאַרבן
מיט אַ שטריק אויפֿן האַלדז, מיט אַ קויל אין דעם שאַרבן?

קענסטו דעם צער פֿון די קינדער פֿון זינדיקע בעטן,
װאָס װערן געפֿינען דערשטיקט אין קלאָזעטן?

קענסטו דעם װײטיק פֿון װאַקסענע, צאַנקענדע ליפּן
פֿון גוסס'ע מענטשן, װאָס דאַרפֿן קײן כּח שױן צו כליפּען?

קענסטו דעם װײטיק פֿון שװאַנגערע מאַמעס דערגרינגן
װאָס טראָגן אין בײַכער געשטאָרבענע קינדער?

# בעלי תאוהניקעס

אונדזער לייב ווערט געביסן פון תאווה,
האָם רימשעט אין אונדז, ווי געשריגן פון אָקסן.
דערנאָך ווערן מיר שטיל און שלעפן אַרום זיך,
ווי אַ פור מיט צעבראָכענע אָקסן.

חלומות פון אָרגיעס ::: שפּרינגען אין מוח,
ווי פליען אויף אַ בעטלער־ווייבס זאַקן.
מיר שלעפן זיך מידע און זוכן אַ נאָרע,
ווי אַ קרעט אין זייער ערד אַ ווינטער צו שלאָפן!

אין אונדזערע אויגן בלישטשעט דער עלנט.
ווי בלוט אויף אַ מערדער'ס אַ מעסער.
מיט שטריק די פיס אומגעוויקלט,
שלעפט זיך נאָך אונדזער לעבן דערשלאָגן, געלעכטערט!

ווי מייז, וואָס אַנטלויפן פון פעלדער און גריבער,
געיאָגטע פון פראָסט און שטורעם־געברויזן,
אַנטלויפן מיר אָוונט פון אײַנזאַמע שטובן
און קויפן, ווי שטיוול, זיך ווייבערשע שויסן!



אַ נאַקעטע זונה מיט בריסטן פון קופּער —
אין אונדזער אַלטאַר, וווּ מיר קניען און בעטן.
און פון זינדיקע קושן זענען שלאַף אונדזערע די ליפּן.
מ'גנבעט פון אונדז ריחות פון וואַרעמע בעטן.

ווי דער שטורעם בייגט פייפנדיק די זאַנגען אויף פעלדער,
אַזוי בייגט ד תאווה איין די קעפּ אונדזערע, הורן־יונגען!
און פרעסט אויף אין פיבער פון זנות
אין שווינדזוכט די אייגענע לונגען!

מיר האָבן נישט — כאַ־כאַ — אַ תפילה צו שיקן, צו וועמען,
ווייל די ערד איז פאַרנומען פון מענטשן, דער הימל פון עראָפּלאַנען
און גאָט, דער באַשאַפער פון וועלטן,
ער האָט נישט וווּ, געוויס, צו וווינען!

# שפּיטאָל

דורך פֿאָרהאַנגען ווײַסע באַווײַזט זיך די זון אַ פֿאַרשעמטע,
פֿאַרגילטעט, ווי ציטרונע. די שטויביקע זײַלן, וואָס וועבן
דעם אומעט פֿון שלאָפֿקייט. די ווייטיקן שוועבן
אויף וואַקסענע פּנימער און ציטעריקע ברעמען.

די בעטלער פֿון אײַזן, ווי שוואַרצע סקעלעטן פֿון ווערעם,
ווי קרעכצן צוזאַמען מיט בלײַכע און מידע געשטאַלטן.
וע... איינער אַ גוסס נעמט רעדן און אָטעם צום באַלטן,
כּדי אפֿשר נאָך איינמאָל זײַן שטאַרבנדיק קול צו דערהערן...

די אויגן אין פֿיבער געווענדעט צו וועלטן, צו ווײַטע,
וווּ ס'פֿאַלן, ווי קושן, די שטערן אויף ימים פֿון אייביקע שנייען...
אַך, וועלטן פֿון וווּנדער, אַך, וועלטן, קלאָרע, ווי טרערן,
וואָס קינדער אין חלומים אין בלויע גוססע זעען...

דערנאָך ווערט עס שטיל און גראָבט אײַן דעם קאָפּ אינעם ציכל
און קילט זיך דאָס ברענענדע מויל מיט די פֿינגער, קיל, ווי קלאַוויש:
און טויען פֿון גסיסה באַדעקן זײַן ברוסט און זײַן פּנים...
דער אָטעם, ווי פֿײַער, צעזינגט זיך אין קישן...



# ווינטער

דער ווינטער קומט שוין אָן. אַ שניי וועט פֿאַלן.
אין אַלע פֿענצטער ברענען פֿלאַמען און געזיכטער
פֿון אומעטיק דורך שויבן... רויטע שטראַלן
ווייטיקן מיר די אויגן, ווי שאַרף־צעברענטע ליכט.

איך גיי. איך ווייס אַליין נישט וווּ. די טראָטואַרן
זענען פּוסט. אָ, הער, ווי ס'שטאַרבן בלומען אין די טעפּ פֿון ליים,
אויף די באַלקאָנען. אַ וויכער פֿײַפֿט אין שוואַרצע רינגען.
וויי צו מיר, ווי אַ וואָרעם, עסט דער ווינטער אויף מײַן היים!

איך הער, אין ערגעץ נעמט מען שוין אַ קבר גרייטן.
פֿאַר וועמען? אפֿשר איז עס גאָר פֿאַר מיר?
מאַך איך צו די גליענדיקע אויגן — זע איך זיך אַ טויטן
ליגן אויף אַ בריפֿעדיקער, געלער מיט.

און די מיר, זי בריפֿעט, ווי אַ זעג אין מײַן נשמה..
בריפֿעט, בריפֿעט מיט אַ הילצערדיק געוויין.
שטאַרקער, מיטער זאָל דער שניי מיך איבער קאָפּ באַדעקן,
אַז קיינער זאָל נישט זען, ווי איך בין אַליין.

# אַ געלער וואָגן

מיר חלומט זיך: עס גייט אַ געלער, פּוסטער וואָגן.
די רעדער וויינען אין דער ערד אַריין.
און די גרויסע אומעטיקע אויגן פֿון דעם פֿערד
שפּיגלט זיך דער אָוונטס רויטער שײַן.

בוימער בייגן אײַן זיך פֿאַר דעם געלן וואָגן
און ציטערן... און באַלד נעמט אַ שטערן אויפֿשײַנען.
און מיט דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן שלעפּט זיך ס'מידע פֿערד,
זײַן שאָטן פֿאַלט אויף ווײַס־געקאַלכטע פּלויגען.

עס ווערט פֿאַרטאָג. אַ מחנה גראָע מײַז פֿון פֿעלד
טאַנצן אויף דעם געלן וואָג, און גיבן אומעטיק
צו דער שלעפֿעריק־פֿאַרטראַכטער וועלט.

אַ האָרפּיש ייִנגל, באָרוועס, ס'קראַנקע העלדזל צעבונדן,
ס'פּנים אויס־געהונגערט בלייך, גייט פֿאַרעקשנט נאָך דעם געלן וואָגן.
און מיטער, מיטער זינקט אַראָפּ דער קאָפּ פֿון פֿערד
און די הילצערנע רעדער אין די זאַמדן קלאָגן...



# ווײַט פֿון דער וועלט...

אַך, ווײַט פֿון דער וועלט און פֿון מענטשלעכן טומל,
ווי גוט איז אַנטשלאָפֿן צו ווערן.
דער גליענדער קאָפּ פֿון רויז־גאַסטער ערד אַרומגענומען,
וואָס טרונקט, ווי אַ יונג, דאָס ליכט פֿון די שטערן.

ציטערן זילבערנע ווערבעס, געבויגן זיי מאַטער,
וואָס וויינען — צוקאָפּנס בײַם קבֿר —
זיי בויגן זיך, בויגן און ציטערן, ווי פֿלאַמען
פֿון ליכט אין אַ שול, ווען נישטאָ איז שוין קיינער.

און וואַטערלעך גלאַנצן, ווי שפּיגלען אין שטובן
אין יענע־פֿאַרגאַנגענע — זיי ווינקלען מיט בערגל, די ווענט,
בײַם קבֿר אַרום; און ס'גייען יאָרן ווי קעץ אַזוי שטילע פֿאַריבער
און פֿון הער אַלץ ציטערן ווערבעס, ווי וויינענדיקע מאַמעס געבויגן...

# משוגעים־הויז

פֿון הינטער קראַטע־פֿענצטער קוקן זיי אַרויס
און זשגנטען מיט די פֿעטע ליפּן ווי די קעץ,
וואָס האָבן אויפֿגעפֿרעסן ערשט אַ מויז, —
און ס'רינט די סל גע ז.ג., ווי אויפֿגעלאָזן פֿעטס,

זיי לאַכן צו דער זון, וואָס הענגט אין הויך
פֿון הימל — ווי אַ ריזיק־גאָלדענער קנאָפּ,
פֿון זייער מויל דעם גאַוועריקן גייט אַ רויך,
ווי פֿאַרע פֿון אַ וואַרעמען, ערדנעם טאָפּ.

זיי בוקן אײַן די קעפּ און גריסן צו אַ בוים,
וואָס שטייט אָן בלעטער אויפֿן הויף, אָן כח,
און רעדן עפּעס אומפֿאַרשטענדליך, ווי אין טרוים,
זיך קלאַפּנדיק די פֿינגער אויפֿן אייגנעם בויך.

זיי הויבן אויף די אַקסלען, קורטשען, ציען אײַן דעם האַלדז,
ווי דרימלענדיקע גאַלפּעס אין אַ שטייג,
און קנעטן זיך דאָס ווייכע פֿלייש בײַם דיך,
ווי בעקער־יונגען קנעטן אויס אַ טייג.



און פּלוצלינג הויבן זיי צו קושן אָן די שטאַנג
פֿון פֿענצטער־קראַטע, פּרוּוון שלינגען ווינט...
און הויבן רימשן אָן אַ מאָדנע מין געזאַנג,
אין וועלכן ס'הערט זיך וויען הונגעריקע הינט..

מיט איינמאָל „שאַ!“ — זיי ווערן פּלוצלינג שטיל
און נעמען שרעקן זיך פֿאַר די אייגענע הענט...
באַהאַלטן זיך די פֿינגער אונטערן געזעס
און קוקן אָן מיט שרעק די פּוסטע צעלע־ווענט...

„שאַ!“ — פֿליסט אַרויס אַ וואָרט צו זיך אַליין...
און מאַכן זיך, זיי שלאָפֿן, אָדער זענען גאָרנישט דאָ...
זיי שליסן צו די אויגן און האַקן צו די ציין...
און האַלטן אײַן דעם אָטעם — ס'פּנים ווערט אַזש בלאָ...

און אַזוי ווי די טויטע בײַ די פֿענצטער שטייף
אָן אָטעם זיצן זיי... און שעהן גאַנצע שטאַרבן אָפּ...
פּלוצלינג כאַפּט זיך איינער אויף און גיט אַ פֿײַף
הויבט יאָמערן אָן און נעמט די האָר זיך פֿליקן פֿון דעם קאָפּ...

# אַ ליד פֿון אַ נאַר

אינמיטן דער גאַס, אינם סאַמע גערויש,
וועל איך בלײַבן שטיין אויף דעם טראָטואַר,
דאָס הימל פֿאַררוקט אין אַ זײַט —
וועט עמיצער דורכגיין און זאָגן: „אַ נאַר!"

כ'וועל שטיין און גלאָצן אַזוי אין דער וועלט,
ווי ס'גלאָצט אײַנגעעקשנט אַ מענטשל פֿון לײם,
דערנאָך וועל איך שמעקן און לופֿטן די הענט
און בעטן: „אוי, מענטשן געטרײַע, אוי, פֿירט מיך אַהיים".

די מענטשן וועלן אָנקלאַפּן אין מיר
מײַן מאַמע וועט זאָגן: „ס'איז מאַקע מײַן זון:
צוערשט ווערט ער מדויעריק, דערנאָך ווערט ער יאַד
אָ, מענטשן, אוי ליבע, וואָס זאָל איך דען טאָן?!"

איך וועל זיך צעלייגן אין בעט מיט די שיך
און זאָגן אַ שפּריך צו דער שוועל אויף דער טיר:
„מכשפֿה געדרײדלט, מכשפֿה געניכטם
אַנטפּלעק זיך אַצינדערט פֿאַר מיר".



וועט טוען די ברוזבע אַ הילכיקן שווישטש,
דער קוימען וועט געבן אַ מענטשלעכן קרעכץ.
וועט קומען פֿון ערגעץ צופֿליען צו מיר
אַ נאַקעטע פֿרוי מיט אַ מאָפּ מיט געקעכץ.

מײַן ברודער, מײַן שוועסטער מיט וועלפֿישע צײַן,
זיי וועלן זיך וואַרפֿן צום פֿרעם.
די מאַמע זאָגן: „אוי, ניטע מײַן קינד,
דער מאָפּ איז מיט סם, די פֿרוי איז אַ מת".

די פֿרוי וועט אַ הויב טאָן אַ פֿײַפֿל צום בעלק
און טאַנצן אין שטוב ווי אַ גאַסן־ווילד פֿערד.
מײַן מאַמע וועט שפּײַען און זאָגן אַ שפּריך:
„קאַבימאַ, קאַבימאַ, אַ זשעביש טי זדעך!".

דער מאָפּ וועט פֿאַרשווינדן, די מײַוועלטע אויך,
ס'גענזינדל וועט וויינען פֿון הונגער און צער.
די מאַמע וועט רײַסן פֿון זיך אירע האָר,
מיך שלאָגן און שרײַען: „צעליג איבער דעם נאַר!".

# שלעפער-ליד

מיר וועלן זיך שלעפּן מיט בלוטיקן ווייטיק
אויף גאַסן פֿון שטעט און אויף ווײַטע שאָסייען
און שטרעקן די הענט אויס און בעטן אויף קוימען:
„נעם פֿיר אונדז, אָ, פֿאָטער געטרײַער!"

מיר האָבן פֿאַרשפּילט, אַך, דאָס ליכט פֿון די שטערן,
מיר האָבן פֿאַרשפּילט דאָס גאָלד פֿון די זונען;
וועסטו אונזער פּנים אינם בבֿן פֿון ווילבער דערהערן
און אין ווײַטשן פֿון קעין אינ'ער אטעם געפֿינען!

אָ, פֿיר אונדז, אָ, גאָט אויף באַראַט פֿון די ווינטן!
אַן אײנמעישיר וואַנדערן — קיין צפֿון! קיין דרום!
ווי נאַקעטע פֿײגלען דער ווינטער —
האָט ס'האַרץ אונדז דערשלאָגן דער שטורעם!

מיר וועלן זיך שלעפּן אויף וועגן פֿון פּײַנען
און קושן דאָס בלוט פֿון די זונען-פֿאַרגאַנגען.
מיר וועלן נישט צאָרנען און וועלן נישט וויינען,
געדולדיק ווי שקלאַפֿן, אַך, וועלן מיר שפּאַנען און שפּאַנען!



און וועט אונדז דער יוקער, ווי פֿעלדישע גאַרבן,
אויספֿליקן די האָר אונדז און טרײַבן און טרײַבן אָן סופֿן —
דאַן וועלן מיר בעטן: מיר ווילן נישט שטאַרבן,
אָ, פֿאָטער געטרײַער, מיר ווילן בלויז שלאָפֿן, אַך שלאָפֿן!...

# יאָסל

די ווענט פֿון שטיבל אינם קעלער זענען אייביק נאַס געווען.
דעם ייִנגל האָט זיך אײַנגעדאַכט, אַז שטענדיק וויינען זיי.
האָט ער נישט ליב געהאַט זײַן היים. און ווען ער איז געווען אַליין,
האָט ער באַהאַלטן זיך אין שאַנק, ער זאָל די שטוב נישט זען.

די שאַנק זי איז געווען פֿון באַרצעמטנס נאָך א ז שפּאַרעס האָבן, ווי
אויפֿן מאַסטנס פּאַלמען, אין יעטוועדער זײַט אַרויסגעקוקט פֿון איר,
האָט ער דערזען האָרן זיי, ווי מיזולער קומען אָן צו גיין
און נעמען טאַנצן אין אַ ראָד אַרום אַ פֿוס פֿון טיש.

א ז שטענדיק זענען אין דער שאַנק געלעגן זאַכן, אַלטע ווי דער פּוימ:
צעריסענע קאַפּאָטעס, בורקעס און כאַלאַטן — האָט ער אַלע אָנגעטאָן אויף זיך,
עס זאָל אים האַרעם זײַן יענע אין אַ בעט; דערנאָך האָט ער פֿאַרמאַכט אויגן און אויף
אַזי הלעגן אָנגעהויבן, אַז די שאַנק איז איצט אַ שיף...

און ס'שווימט די שיף מיט אים אויף ווײַטן ים. געטריבן פֿונעם ווינט,
די כוואַליעס הייבן זיך און שרײַען הויך און האָבן נישט קיין רו,
און ס'הוידעט זיך די שיף אויף זיי, ווי ס'הוידעט זיך אַ שפּענדל קין,
און ברענגט אים צו אַן אינדזל, אײַנגעטונקען אין בלויז זון.



דערזעט איך די מענטשן פֿון דעם אינדזל, לאַכן זיי און פּאַטשן מיט די הענט:
„דו ביסט אונדזער קיניג, יאָסל! וואָלסט געוווסט, ווי לאַנג מיר וואַרטן שוין
אויף דיר! — גיי אַרײַן צום פּאַלאַץ, וועסט זען
דאָרט די פּרינצעסין — גיב דיך אויס, גלײַך קריגסטו אָנגעטאָן די קרוין!"...

אין פּאַלאַץ קומט ער, זיצט זיך דאָרטן אויף אַ בענקעלע פֿון גאָלד־
אַ מיידל גאָר געוואַלדיק שיין, פֿאַרכשופֿט ווערט דער בליק.
אַ פּנים ווײַס ווי שוים פֿון ים און האָר ווי שלאַנגען לאַנג און ווייך,
ווי וואָל
און אויגן סאַמעט שוואַרץ און ס'ליכט ווי פֿון אַ דרעקסלער אויס־
געשניצט.

דערזעט זי אים, הייבט זי זיך אויף און דאָ דערזעט ער באַל־
דעם בראָך:
זי איז אַ פֿרוי, וואָס שטאַמט פֿון ים, איר מאַמע איז אַן אַלטער פֿיש.
און אָנשטאָט פֿיס, האָט זי אַ שוואַנץ און וויל זי גיין, מוז זי אַ פֿאָר.
דאָ קומט זי אָן וואָהין זי וויל און ווו זי גלוסט.

דערשראָקן ער זיך פֿאַר איר און מאַכט פֿון שווינגעם פּאַלאַץ פֿיס
און נעמט אַנטלויפֿן פֿון דעם אינדזל, ווײַל ער וויל נישט אַזאַ ווײַב,
אין טוט זיך אײַל, צו דעם ים אַהיימצופֿאָרן אויף דער שיף,
נאָך אויפֿן וועג ווערט ער געכאַפּט און מ'טוט אים הויך אַ הייב

און מען וואַרפֿט אים זיבן מאָל
און אַלע שרײַען אויפֿן קול:

װילסטו נישט די הערשער־קרױן —
ברױט מיט באָרשט װעט זײַן דײַן לױן!

װילסטו נישט קײן אײגענע ערד,
װעסטו האָרעװען װי אַ פֿערד!

װילסטו נישט קײן קײסער זײַן,
גײסטו יונג אין דר'ערד אַרײַן!

— — — — — — — — — — —

אַז די מאַמע איז אַהײמגעקומען מיטן קײשל אױבסט אין האַנט,
דערפֿרױרן פֿון אַ טאָג אַ גאַנצן שטײן אין גאַס און ציטערנדיק,
װי אַ טױב,
איז יאָסל שלאָפֿנדיק געלעגן אײַנגעטאַפּלט אין דער אַלטער שאַנק.
ליבט האָט זי אים געװעקט און אים דערלאַנגט אַן עפּל פֿון דעם
קײשל אױבסט.

מיט אױגן פֿרומענדיקע אין דער טונקעלער שטוב האָט ער געקוקט,
געקוקט...
דעם עפּל אין דער האַנט געהאַלטן און אים נעמען נישט געװאָלט
צום מױל...
דאָס װײַטע לאַנד פֿון טרױמען גילדענע האָט פֿאַר זײַן בליק, װי כּשוף
זיך געװיזן...
אַ בענקשאַפֿט װאָס געװױנט אינעם האַרץ און אים האָט װײנען זיך
געװאָלט...



די מאַמע האָט אַראָפּגעװאָרפֿן ס'שװערע, אײַנגעשנײטע װינטער־
קלײד,
אַ נאַפֿט־לאָמפּ אָנגעצונדן, אײַנגעהײצט די קױד, גענומען מאַכן
אַ געקעכץ,
איז יאָסל װײַטער אַלץ געלעגן אין דער שאַנק און צוגעמאַכט די
טירן צװײ:
און זינגענדיק אױפֿסנײַ געלאָזט זיך אין דעם שײנעם טרױמען־לאַנד
אַװעק.

און װײַל אין חדר אים צו שיקן האָט די מאַמע זעלטן געלט געהאַט,
האָט ער אױף מערק אַ זאָרג און הפֿקרדיק זיך אומגעדרײט,
אַרומגעשלעפּט אַ באָרפֿיסער אױף הינטער־גאַסן פֿון דער שטאָט,
פֿון שילדן זיך געלערנט ייִדיש און פֿון הונגער — גראָבע רײד.

גאָר אָפֿט איז ער אינגאַנצן נישט געקומען אין דער הײם אַ װאָך
און צװײ.
אין דערפֿער זיך געשלעפּט מיט קונצנמאַכערס פֿון דער פּיפּער־גאַס.
געהאָלפֿן דרײען די קאַטאַרינקע, געפּוצט די מעשן־פּױק, דער פּאַפּוגײַ
געגעבן אַרבעסלעך, געבעטלט גראָשנס בײַ די פּױערים, האַלטנדיק
אין האַנט אַ טאַץ.

צו־װאָס דען װעט ער גײן אַהײם און הערן װי די מאַמע קרעכצט
און שילט.
װאָס ער װיל ניט לערנען זיך קײן פֿאַך און װיל קײן לײַט נישט זײַן?
איז דען נישט בעסער זיך מיט קונצנמאַכערס שלעפּן אין דער
װײַטער װעלט
און װאַגלען שטענדיק און זוכן אײביק ערגעץ־װוּ אַ הײם?

איז דען נישט בעסער ווי אַ ווײַן, צו טרינקען ס'שטערן־ליכט אין
העלע נעכט
און ליגן אויף אַ פֿור, וואָס שפּאַנט אַזוי פֿאַמעליך אויף דעם שאָסיי
און זען נײַע פֿעלדער, אומבאַקאַנטע טײַכן, הימלען, וועלדער
און שלאָפֿן יעדן טאָג אויף פֿריש־געבעטן היי?



# באַלוט

אַ רינשטאָק ווייגט ווי אַ קינד אַ ברעטל פֿון אַ שיף.
אַ בלעכן שילדל קושט זיך מיטן ווינט.

גראָ און ברייִק איז דער הימל, ווי אַ בעטלערס בײַך.
ווי אַ פֿויגל וויל אַן אַלטע צײַטונג פֿליען אין דער הייך.

פֿון אַ קוימען גייט אַ רויך, ווי דער אָטעם פֿון אַ פֿערד.
מיט לאַנגע בײַטשן, ווי אַ קאַנטשיק, שלאָגט דער רעגן איצט די ערד.

אויף אַ בוידעם מאַנצן מיטן ווינטער צוויי־דרײַ האַרטע שטרוי
און שטיבלעך, ווי די קינדער־אויגן, וויינען סתם אַזוי.

# ווייבער אין דער שול

ווײַבער מיט פֿאַרוויינטע אויגן, ווי די ווונדן,
מיט אָראָפּגעהאָנגענע, פֿאַרשווינסטע בריסטן, ווי די שטיקער כים,
זיצן אײַנגעפּרעסט אויף דעם באַלקאָן און קוקן אַן אין ווונדער,
ווי עס שורשן אונטן די טליתים, ווי שניי וואָלט ליגט געשיט.

אין די דיקע פֿינגער, וועלכע זעען אויס, ווי די ציגאַרן,
האַלטן זיי מחזורים, אָנגעשפּאַרטע אויף די קני,
און, ווי זעלנער, אויף אַ צייכן פֿון דעם חזן האָרן,
נאָכצוזאָגן אַ געבעט אָן שכל, טעמפּ און נאַריש, ווי אַ סטאַדע פֿי.

קלענערע קינדער דרייען זיך און ציפּן זיי די פֿרענדזן פֿון זייערע קליידער,
שפּילן זיך אין רעדן עפּעס צו די מאַמעס דיקע הינטנס,
אָדער נאַשן צוקערלעך און שמעקן קעפּלעך דורך דעם גדר,
און לאָזן שנירלעך שפּײַעכץ אויף די דאַווענענדיקע ייִדנס קאַפּאָטער,
וואָס בויגן זיך, שאָקלען זיך,
אָט פֿאַלנדע, ווי שוואַרצאַפּלען,
אָט אויפֿגעהויבענע, ווי זאַנגען,
ווי אײַנער וואָלט געשריגן און געצאָרנט אויפֿן אַנדערן.



בײַ דער טיר פֿון פּאָליש פֿון דער ווייבער־שול שטייען דרימלען
גויעס. קעכינס, האַלטן אין די הענט אין ווײַסע טיכלעך
פֿלעשער טיי און שטיקלעך הון און אײער־קיכלעך
פֿאַר די קליינע קינדער, וועלכע טאָרן נאָך ניט פֿאַסטן, —
און זיי דרימלען אויף די ווענט, אָדער אויף אַ שבת־קאַסטן,
און זיי שעלטן דעם ז׳ידאָווסקע נאָס אָן אַ שיעור,
וואָס צוליב אים מוזן זיי אַ גאַנצן טאָג שטיין בײַ דער טיר.

# דער סוחר פֿון קעז

ב׳פֿאָר קײן ליטאָמירסק... באַלד גײט אָפּ די באַן...
(איך זאָל אַזױ פֿון צרות װיסן, װאָס איך פֿאָר אַהין!...)
אַ שטעטל איז׳ס אַ מיאוס׳ס און אַ בלאָטע איז דאָרט שטענדיק —
און איך. איך בין משוגע און כ׳האָב גישט װאָס צו טאָן...

כ׳װעל קומען אױפֿן מאַרק פֿון שטעטל, װעל איך טרעפֿן אַ ייִד.
עס װעט, מסתּמא, אַ ייִד אין פּלײצע געבן מיר אַ זעץ
און פֿרעגן מיך: „װאָס קױפֿט איר — װײץ, אַ זעקל גערשט?
„נײן, נישט קײן װײץ און נישט קײן גערשט. איך בין געקומען קױפֿן
קעז“.

װעט װערן הױשך אױפֿן מאַרק: געקומען איז אַ מענטש פֿון לאָדזש,
װאָס קױפֿט די קעז פֿון גאַנצן שטעטל אױף
און אײדער כ׳װעט אַװעק אַ קלײנטשיק שטיקל צײַט
װעט מען מיר ברענגען אַלע קעז אױפֿן מאַרק אַרױף.

פֿון די גשװעלבער, פֿון די הײפֿן, פֿון די קעלערס, פֿונם באַר
אױף שנירלעך פֿירט מען קעז, קעז ברױנע, געלע קעז;
פֿון בית־מדרש, פֿון די קראָמען, פֿון יעטװעדן הױף
װעט מען פֿירן שװאַרצע קעז און װײַסע און גרינע קעז.



גבירישע, געפּאַשעטע, געפּלעקטע, שװערע קעז,
מיט סטענגעס אױף די העלדזער און די קעפּ מיט שרינגען.
קעז מיט װאָנצעס, װי די קריסטן, מיט שלײַפֿלעך אױף די שװענץ,
קעז, װאָס טאַנצן אױף און פּיפּס און פֿליען װי די װינטן.

און אַז דער אָװענט װעט צופֿאַלן אױפֿן מאַרק
און איך װעל שטײן פֿון טױזנט קעז אַרומגעהילט אַלײן —
װעט ליטאָמירסק דאָס שטעטל גלאָצן זיך די אױגן אױס
און פֿרעגן זיך. „װאָס װעט דאָ מיט קאַצן־סוחר זײַן?“

װען האַלבע נאַכט װעט קומען אױף דער װעלט צוגײן —
װעט דאָס געיאָמער פֿון דער מחותּן קעז זײַן שרעקליך גרױס. —
אָ, ברידער, דאָס װעט זײַן דער אומעט, װעלכער װױנט אין מיר
און רײַסט זיך פֿון מײַן אײַנזאַמקײט פֿון מיר אַרױס.

כ׳פֿאָר הײַנט קײן ליטאָמירסק... און מאָרגן מיטיק־צײַט
װעל איך, קען זײַן, זיך װאַלגערן ערגעץ אין אַ װיסטן דאָרף.
בײַ דעם לבנה־ליכט דערצײלן מעשׂות פּױערים אױפֿן קול
און זיך װאַרעמען דעם גוף דעם מידן בײַ אַ פֿײַערל פֿון טאָרף!

# מייסטער ראַבע

וועבמייסטער ראַבע
איז אַ לאַדושער דײַטש, אַ יעקע־מאַן.
זײַנע געלע־שיך זײַנען זעלטן דרײַ ווינטערס אַלט און זעען אויס ווי נײַ!
זײַנע וואָנצעס זענען לאַנג, ווי מײַזן־עק און ברוין ווי בלײַ.
און אַז ער עסט פּינקטלעך „צוועלף די אוהר“ זײַן מיטיק — דאַן
עסן זײַנע לאַנגע וואָנצעס מיט
מיט אַפּעטיט

וועבמייסטער ראַבע איז קיינמאָל נישט אין כּעס.
ווי אַ יונגל טאַנצט ער, גייענדיק אין גאַס.
אַ גרוס. אַ שמייכל. אַ גוט וואָרט.
ער בויגט זיך דאָ און בויגט זיך דאָרט,
כאָטש גאַנצע פֿירציק יאָר
האָבן מיט אַ קאָסע אום די האָר
אַראָפּגענומען פֿון זײַן קאָפּ,
וואָס בלישטשעט ווי אַן אויסגעפּוצטער טאָפּ.



און די דיקע פֿרוי פֿון „פֿלייש־פֿעדקאָוף“
און דער וועכטער פֿון דעם הויף
זאָגן אַלע מיט איין שטים:
„וועבמייסטער ראַבע. ווויל איז אים!“

וועבמייסטער ראַבע האָט צוויי שיקסלעך, מילד און בלינד.
אום זונטיק זיצט אין דער היים און לערנט אַ ליד
זיי זינגען.
אַ ליד פֿון יאָהאַן אויף דעם ערן־פֿעלד,
וואָס האָט מיט שווערד און פֿערד באַזיגט אַ וועלט.

און אַז די שיקסלעך זײַנע זינגען —
זינגט וועבמייסטער ראַבע מיט.
אַז פֿאַר דער שויב אַ פֿויגעל פֿליט —
זינגט ער אויך!
און אויף דער קער די שווײַנען־יויד
און אין דער שאַנק די „הײַמאַטס“־טריל
און די מויז, וואָס קראַצט דעם דיל,
זינגען מיט
דאָס ליד
פֿון יאָהאַן אויף דעם ערן־פֿעלד,
וואָס האָט מיט שווערד און פֿערד באַזיגט אַ וועלט.

נאָר זאָגט מיר, מענטשן, ליבע לייט,
צי ווייסט דער ווינט, וואָס לויפֿט און שרייט,
אַז ער אַ מיל אויף פֿעלדער דרייט
און גאַנצע זעקלעך גערשטן מאָלט
און קריגט קיין גראָשן נישט באַצאָלט?

און ווייסט דער ים, וואָס אײַלט און יאָגט,
אַז ער מיליאָנען שיפֿן טראָגט
צו אַלע לענדער פֿון דער וועלט
און מען מאַכט פֿון אים פֿיל פֿעטער געלט?

און ווייסט איר אַלע, ליבע לייט,
פֿאַרוואָס אין יענער העלער נאַכט,
ווען די לבנה האָט אַראָפּגעלאַכט
און אַ ווינטל האָט — ווי צאַרט! געוויינט
און צו יעדערן גערעדט פֿאַרליבטע רייד —

פֿאַרוואָס האָט מען וועבמײַסטער ראַבע,
דעם מאַן, וואָס האָט געלעבט אין „פֿרייד און גליק“
געפֿונען הענגען אויף אַ שטריק?
געפֿונען הענגען אויף אַ שטריק?
נאַ־נאַ!



# אַ געדענק־ליד

אָ, ברידער, איך האָב אים געקענט און איך געדענק אים ווי הײַנט:
זײַן מאַמע, די וועשין, האָט די האָר זיך געפּליקט און געוויינט,

ווען ער איז געקומען צו גיין אויף דער וועלט אין אַ שטוב,
וואָס זעט ענדער אויס ווי אַ לאָך, ווי אַ גרוב.

זי האָט געקלאָגט און געשריגן: „איך האָב נישט קיין געלט
אַ בענקאַרט אַ נײַעם צו באַווײַזן דער וועלט!“

און דעם מאַן, דעם שלימזל, וואָס קוים, וואָס ער קריכט,
האָט זי מיט די שמוציקע נעגל צעקראַצט דאָס געזיכט:

„אוי, פּגרן זאָלסטו נאָך, הונט־יונג, הײַנטיקע נאַכט,
וואָס ביזט מיך ווי אַ מערדער באַפֿאַלן און שוואַנגער געמאַכט!“

און טראָגנדיק, האָט זי משוגע געטאַנצט אין דער הויך,
אַז ס'קינד זאָל באַצײַטנס אָפּשטאַרבן אין בויך.

און עס זאָל נישט דערלעבן צו זען די ליכטיקע שײַן
פֿונעם טאָג, ווײַל מען עסט ס'שטיקל ברויט מיט געוויין.

און ער איז ווי קראָפּיווע געוואַקסן אין גיפֿט.
בעת אַנדערע קינדער זײַ האָבן פֿרײַלעך געשטיפֿט —

האָט ער מיט די צײַנער געקריצט אויף דער שטוב.
וואָס איז נאָס און וווּ מ'האָט אים נישט ליב.

בעת אַנדערע קינדער זײַ ווערן מיט קושן באַשיט.
אַך, אים האָט אַ האָגל פֿון קללות געפּיטן אַ ליד!

בעת אַנדערע קינדער זײַ ווערט פֿיל שפּילצײַג געבראַכט.
אך, אים האָט דאָך קײנער נישט לאַכן געמאַכט!

בעת אַנדערע קינדער זײַ ווערן מיט ליבע געדריקט צו דער ברוסט.
אך, אים האָט געזונגען דער מאַמעס דערשטיקנדער הוסט!

בעת אַנדערע קינדער זײַ טאַנצן אַמאָל אויף דעם טאַטנס אַ שויס!
אך, אים האָבן געטאַנצט די מײַז, וועלכע שפּרינגען אין הויז!

און נאָך אַ ייִנגל אַוועק איז ער יונג אין דער וועלט.
געגאַנגען צופֿוס און געשלעפּט זיך דורך וועג און דורך פֿעלד.

געזוכט האָט ער רו און ברויט און אַ וואַרעמע ישוב,
און אין דער פֿרעמד אין דעם יאָר נײַנצן־נײַנצן געפֿינען אַ גרוב.

אין בערלין, אין בערלין אין דערמיט טראָטואַר
איז געוואָרן געטויט אַ ספּאַרטאַק־קאָמינאַר!

אַ שאָד אַזאַ הינטל אַ שאָס פֿון אַ קויל.
אַ שטריק האָט דערוואָרגן זײַן האַלדז, פֿאַרגליווערט זײַן מויל.

עס האָט אים געהאָנגען אַ דײַטשער לײַטנאַנט,
באַציירט מיט מעדאַלן, מיט טיטשערס און מיט אַקסלבאַנד!

דאָס בלוט פֿון זײַן ברוסט האָט באַגאָסן דעם שניי,
אין דער ווינט האָט, ווי בראַנפֿן, געזויפֿט זײַן געשריי!

ער האָט נישט געוויינט, ווען מ'האָט אים די שטריק, אַך געשטיקט!
ער האָט זײַן היים און זײַן מאַמען קײן גרוס נישט געשיקט!

ער האָט די הענט אויסגעשפּרייט און געלאָזט מײַן, וואָס מ'וויל,
און אַזוי אָפּגעדאַנקט, ווי אַ טויב, אין דער שפּיל.

אין בערלין, אין בערלין, אין דער גאַס אויף אַ סלופּ
דאָס געהאָנגט זיך אַ נאַכט זײַן ייִנגלישער טרופּ!